מיוחד לרגל
התחלת זמן קי"ץ
הבעל"ט

עִקַּר הָרוּחַ־חַיִּים מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק (תורה ח)

קונטרס

# רוחא דחיי

שיחות ומאמרים
ע"פ משנתו של
רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

מאת

## הרה"ח ר' חיים בנימין וורטהיימר ז"ל

## קונטרס כ"ד

"התמדת הלימוד"

# תוכן השיחה

"הלא תקבל עולם הבא על הלימוד"

"לימוד התורה נפל מאד..."

ווי באקומט מען דעם שכל פון די תורה?

"ללון לעומקה של הלכה"

א לעבעדיגע קשר מיט די תורה

א חשק צו "חכמת התורה"

'פשוט'קייט' און 'התמדה'

די רפואה פאר אלעס

נישט משלים זיין מיטן 'ירידת הדור'

ס'קומט צוגיין א גרויסע חתונה!

ז'מן מ'תן ת'ורתנו


**הערות והארות ניתן להשאיר ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.3.02.47.43 שלוחה 0**



**© כל הזכויות שמורות**



**כדי לקחת זכות והשתתפות בהוצאת הקונטרסים ניתן לפנות**

**בירושלים 05331.93747 בבי"ש 05341.52325**

**לתרומה ממוחשבת בכרטיס אשראי בטל' 037630585 שלוחה 6491 >1**

**ניתן להאזין לשיעור ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.3.02.47.43 שלוחה 2>24**

**גרפיקה ועימוד: י. גרוס 0527644765**


## מהנעשה והנשמע בקו "רוחא דחיי"

### ד' אייר

ככלות ימי השלושים לפטירתו של הרה"ח ר' נתן ליברמנטש ז"ל (חמיו של ר' חיים בנימין ז"ל) ניתן לשמוע סיפורים ועובדות שסיפר על חמיו בהזדמנויות שונות, בשלוחה 2<5 מהכניסה למערכת.

### ה' אייר

בהתקרב יום אידם של רשעי ישראל יעלה לקו בס"ד בשלוחה 1 שיעור מיוחד על ההשקפה הנכונה במשנתו של רבינו הקדוש, והשייכות לנסיעת רבינו הק' ביום ה' אייר תק"ע.

### שלוחת המועדים – ספירת העומר - ל"ג בעומר

בס"ד סידרנו את שלוחת המועדים ובו אוצר נפלא של שיעורים על עבודת ימי הספירה עם תפריט של נושאי השיעורים, ובעז"ה בימים הקרובים יהיה ניתן לשמוע שיעורים על פסח שני, ול"ג בעומר- גדולת רשב"י בשלוחה 9<6 מהכניסה למערכת.

### אנן בחביבותא תליא

לרגל ימי הספירה יתחילו לעלות לקו במדור "**יסודות במשנת ברסלב**" סדרת שיעורים נפלאה בנושא "אהבת חברים – בין אדם לחבירו", מדי יום רביעי בשלוחה 1.

כמו"כ ניתן לשמוע כל השיעורים שעלו בימי החורף במדור זה מסודר לפי נושאים בשלוחה 2<4 מהכניסה למערכת

### מיט א פרישקייט!

לקראת התחלת זמן קיץ יעלה לקו בשלוחה 1 שיעורי פתיחה שנמסרו בשנים האחרונות, שיעור חיזוק לאברכי הכולל, שיחה בגודל מעלת ההתאספות בחבורה שבועית, ודיבורים נלהבים בענין ההליכה עם תורה לרגל התחלת תורה חדשה במסגרת התורה הזמנית.

שיעורים אלו יהיה ניתן לשמוע בשלוחה 9<2<4

**המספר 02.3.02.47.43**

**בארה"ב 1.605.477.6808**

# "התמדת הלימוד"

## הכנה לחג השבועות ו"קבלת התורה"

[שיחה שנמסרה בחבורת הבחורים בי"ש – סיון תשע"ז]

## "הלא תקבל עולם הבא על הלימוד"

ס'איז א גוטע צייט ארייצוגיין אין 'קבלת התורה'... מ'האט שוין גערעדט דאנערשטיג נאכט וועגן דעם וואס דער רבי זאגט[א]: "**נכספתי מאוד להמשיך את העולם אל העשיה**". דער רבי האט זייער שטארק געוואלט ארייינברענגען – די גאנצע וועלט ארייינברענגען – אין לערנען; דער רבי האט אסאך גערעדט וועגן דעם, וועגן 'לימוד התורה'.

מ'שטייט יעצט פאר קבלת התורה, דער עיקר פון קבלת התורה איז כפשוטו - אז מ'נעמט זיך אונטער צו ארייינגיין איבער א נייעס אין "לימוד התורה", אין "קיום התורה", און בפרט אין תורה, אין לימוד התורה. לימוד

**א.** שיחות הר"ן י"ט: וְאָמַר {רביה"ק}: **נִכְסַפְתִּי מְאֹד לְהַמְשִׁיךְ אֶת הָעוֹלָם אֶל עֲשִׂיָּה שֶׁיִּהְיֶה חִיּוּב אֵצֶל כָּל אֶחָד וְאֶחָד לִלְמוֹד כָּךְ וְכָךְ בְּכָל יוֹם וְלֹא יַעֲבֹר וְכַיּוֹצֵא**. וְאָמַר: שֶׁאֲפִלּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם, רַחֲמָנָא לִצְלָן רַחֲמָנָא לִשֵׁזְבָן, אַף־עַל־פִּי־כֵן הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל־כָּךְ עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה **כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד**.

התורה דאס איז דער אנהויב פון אלעס, וואס מער מ'לערנט תורה, איז "**המאור שבה מחזירו למוטב**[ב]".

דער רבי האט געזאגט - ס'שטייט דארטן אין שיחה י"ז, מ'האט עס געליינט דאנערשטיג. שטייט דארטן אזוי: "**הוכיח את אחד על התמדת הלימוד ואמר לו: מדוע לא תלמד**?" - פארוואס זאלסטו נישט לערנען? - "**מה תפסיד בזה, הלא תקבל עולם-הבא על הלימוד**?!".

דאס הייסט, אז מ'פרעגט א מענטשן פארוואס ער לערנט נישט – זאגט ער: 'איך האב נישט קיין חשק'. יא, אבער נארמאל גייסטו אריין אין א פלאץ, זעסט א מענטש ארבעט, פרעגסטו אים: 'פארוואס ארבעטסטו? האסט חשק צו ארבעטן?!' – קיינער האט נישט קיין חשק צו ארבעטן; פארוואס ארבעט ער יא? ווייל מ'באצאלט אים! מ'באצאלט! אז מ'באצאלט, מאכט מען אויך זאכן וואס מ'האט נישט קיין חשק. 'איך האב נישט קיין חשק צו ארבעטן, איך האב דעם חשק צו קריגן באצאלט.

דער רבי האט מוכיח געווען א מענטשן אויף התמדת הלימוד: א מענטש איז ווייט פון התמדת הלימוד – פארוואס זאלסטו נישט לערנען? וועסט דאך קריגן שכר! וועסט קריגן עולם הבא! פארוואס זאל א מענטש נישט האבן אלץ ערשטע זאך, א שייכות מיטן לערנען? נאך פאר 'חשק' – די ערשטע זאך דארף מען לערנען. **פשוט: מ'לערנט - מ'באקומט באצאלט; מ'לערנט - מ'באקומט באצאלט.**

איז דער רבי ממשיך: "**ואין צריך לומר, כשהתורה מראה אהבה לאחד**", אז די תורה באווייזט אים אהבה – "**אז אין רוצה כלל עולם-הבא, רק שרוצה את התורה בעצמה**".

---

**ב.** ראה בליקו"ה חנוכה ה, ו: כִּי עִקַּר אוֹר הָאֱמֶת זוֹכִין עַל-יְדֵי הַתּוֹרָה שֶׁהוּא תּוֹרַת אֱמֶת. וְעַל-כֵּן אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (מִדְרָשׁ רַבָּא אֵיכָה בִּפְתִיחְתָּא), הַלְוַאי אוֹתִי עָזְבוּ וְתוֹרָתִי שָׁמְרוּ. מִתּוֹךְ שֶׁהָיוּ מִתְעַסְּקִין בָּהּ, הַמָּאוֹר שֶׁבָּהּ הָיָה מַחֲזִירָן לְמוּטָב. כִּי עַל-יְדֵי הַתּוֹרָה זוֹכִין לְאוֹר הָאֱמֶת, שֶׁעַל-יְדֵי זֶה **רוֹאִין הַפְּתָחִים אֵיךְ לָצֵאת מֵהַחֹשֶׁךְ, וְעַל-יְדֵי זֶה חוֹזְרִין לְמוּטָב**, וְעַל-כֵּן שְׁלֵמוּת הַתְּפִלָּה הוּא עַל-יְדֵי הַתּוֹרָה, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, מֵסִיר אָזְנוֹ מִשְּׁמֹעַ תּוֹרָה וְכוּ'.

אבער א מענטש קען נישט ווארטן ביז די תורה וועט אים באווייזן אהבה; ערשטנס דארף ער אנהויבן לערנען. פשוט, וויסן איין זאך: פאר יעדער ביסל צייט וואס מען לערנט, קריגט מען באצאלט! פאר יעדער שעה לערנען קריגט מען באצאלט, פאר יעדע ווארט באקומט מען באצאלט – אוודאי פאר יעדע שעה... מ'באקומט באצאלט!

ס'וועט נאך קומען א צייט וואס מ'וועט עס דארפן האבן; מ'וועט נאך דארפן האבן דעם שכר, מ'וועט דארפן האבן די חיי עולם הבא. אז מ'האט געארבעט – וועט מען האבן; אז מ'האט נישט געארבעט... "**מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת, מי שלא טרח בערב שבת מה יאכל בשבת?!**[ג]".

## "לימוד התורה נפל מאד..."

זאגט דער רבי: "**והלא גם השם-יתברך לומד, כמו שמבואר בדברי רבותינו-זכרונם-לברכה, סדר היום שיש להקדוש-ברוך-הוא שלוש שעות יושב ועוסק בתורה וכו'**" - אפילו דער אויבערשטער אליין איז עוסק בתורה! די תורה איז אזוי חשוב, אז אפילו דער אויבערשטער איז עוסק בתורה[ד], איז פאר אונז אוודאי גענוג חשוב צו עוסק זיין בתורה, נישט מזלזל זיין אין די תורה.

ס'שטייט[ה] אז ס'גייט ארויס א בת קול - "**בכל יום בת קול יוצאת ואומרת, אוי להם לבריות מעלבונה של תורה**" - מענטשן פארשעמען די תורה; מענטשן פארשעמען די תורה מיט דעם וואס זיי רירן זיך נישט צו, צו איר.

**ג.** עבודה זרה ג. קהלת רבה א, ט"ו.

**ד.** ראה בליקו"ה קריאת שמע ה, י. (וראה בתורה כ"ב בביאור ענין תורת ותפילת ה' וכו' ובליקו"ה מתנה הלכה ה').

**ה.** אבות ו, ב.

די תורה איז אזוי טייער, אזא חשוב'ע זאך, און מ'רירט זיך נישט צו צו די תורה...

דער רבי פירט אויס: "**ובדורות הללו בעוונותינו הרבים נפל לימוד התורה מאד**". זאלסט וויסן זיין: קיינער זאל נישט זאגן אז ער זעט אנדערע – 'נו, ביחס צום דור איז ער גאנץ פיין...' – ווייל בעוונותינו הרבים איז אין די דורות שטארק געפאלן דער לימוד התורה."

"**ודע, שהגדולים שהיו בדורות שלפנינו, דהיינו הרבנים הגדולים שהיו אז, לא היו יודעים שום כוונות, ואף על פי כן היו יכולים לעשות מופתים רק על ידי לימוד התורה הקדושה, כי על ידי זה כשהיו אומרים איזה דבור נתקיים כך**".

צו וואס זאגט עס דער רבי? דער רבי וויל אונז זאגן: פארוואס איז עס היינט נישט אזוי (אז די רבנים זאלן קענען מאכן מופתים)? ווייל ס'איז אראפגעגאנגען דער לימוד התורה... ווייל מ'איז נישט עוסק אין תורה אזוי ווי אין די פריערדיגע דורות...

דער פשוט'ער לימוד התורה האט דאך אזא כח עצום – אז מ'קען ממש מאכן מופתים מיט דעם! דער אמת איז, אין ליקוטי מוהר"ן שטייט[ו] אויך אזוי. דער רבי זאגט, עס שטייט א פסוק: "**מִפְתָיו וּמִשְׁפְּטֵי פִיהוּ**"; טייטשט דער רבי אז די 'פוסקים' קענען מאכן מופתים. ווען א מענטש איז זוכה צו באקומען דעם 'שכל התורה', אז ער קען מכוון זיין לאמיתה של תורה – דורכן זוכה זיין צו 'אמתה של תורה', ער האט א גלייכן מח אין תורה – ווערט 'כל היוצא מפיו' מקוים.

---

**ו.** ליקו"מ תנינא תורה מ"א: לִפְעָמִים הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עוֹשֶׂה מוֹפְתִים עַל יְדֵי בַּעֲלֵי הַפּוֹסְקִים בִּבְחִינַת (דִּבְרֵי הַיָּמִים א ט"ז): "מִפְתָיו וּמִשְׁפְּטֵי פִיהוּ" שֶׁעַל יְדֵי מִשְׁפְּטֵי פִיהוּ, שֶׁפּוֹסֵק שֶׁיִּהְיֶה כָּךְ, נַעֲשֶׂה מוֹפֵת כִּי מֵחֲמַת שֶׁנִּתְקַבֵּל לְבַעַל פּוֹסֵק וּכְשֶׁפּוֹסֵק בְּאִסּוּר וְהֶתֵּר וְכַיּוֹצֵא, מְקַבְּלִין דַּעְתּוֹ כְּמוֹ כֵן כְּשֶׁפּוֹסֵק בְּאֵיזֶה עִנְיָן, מְקַבְּלִין דַּעְתּוֹ, וְנַעֲשִׂין מוֹפְתִים עַל יָדוֹ. וְזֶהוּ בְּחִינַת הַמּוֹפְתִים שֶׁמְּסַפְּרִין מֵהַגְּאוֹנִים שֶׁהָיוּ בַּדּוֹרוֹת שֶׁלְּפָנֵינוּ.

דער וואס האט זוכה געווען אז די תורה וואס ער זאגט איז ריכטיג און אנגענומען – וואס ער זאגט ווערט מקוים. דאס הייסט, אז דורכן ריבוי לימוד התורה, מיט דעם וואס מ'לערנט אסאך תורה, קען מען זוכה זיין צו האבן גשמיות, אז ער מאכט מופתים. **א מענטש וואס לערנט תורה - וואס ער זאגט ווערט מקוים.**

יעצט, דער רבי האט נישט דערציילט קיין מעשה סתם פאר אלטקייט; דער רבי דערציילט עס פון אמאל – ווייל דער רבי וויל אונז אריינברענגען היינט, אז מיר זאלן זיך שטארקן. וואס מער מ'שטארקט זיך, איז מען זוכה מיט דעם כח פון תורה צו 'ככל היוצא מפיו יעשה' – וואס ס'גייט ארויס פון זיין מויל, ווערט מקוים.

## ווי באקומט מען דעם שכל פון די תורה?

דער רבי זאגט[ז] אין **תורה ח'**, אז אויב מ'וויל זוכה זיין אויסצורייניגן די מידות – אז מ'וויל זען אז די מידות זאלן זיין ריינע מידות. יעדער איינער האט דאך מידות, און אין יעדע מידה איז דא גוטס מיט שלעכטס. יעדע מידה קען מען ניצן צום גוטן, און מ'קען איר ניצן נישט גוט. ס'איז דא אהבה

**ז.** ראה שם באות ה: וְהָעִנְיָן - כִּי יֵשׁ **אַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת**: אֵשׁ, רוּחַ, מַיִם, עָפָר; וּלְמַעְלָה בְּשָׁרְשָׁם הֵם אַרְבַּע אוֹתִיּוֹת הֲוַיָ"ה, וּלְמַטָּה הֵם מְעֹרָבִים טוֹב וָרָע. וְהַצַּדִּיק גָּמוּר שֶׁהִבְדִּיל וְהִפְרִישׁ הָרָע מִן הַטּוֹב לְגַמְרֵי, עַד שֶׁלֹּא נִשְׁאַר לוֹ שׁוּם רַע מֵאֶחָד מֵאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת הַנַּ"ל וכו'. וראה שם בפרפראות לחכמה (אות ב): כי ידוע שכל הנבראים כלולים מד' יסודות אש רוח מים עפר, וכן האדם כלול מהם וכן הרוח חיים שמקיים את הכל הוא גם כן בבחינת מארבע רוחות בואי הרוח [כמבואר באות חי"ת]. ושורש הכל הם ארבע אותיות שם הויה הקדוש שהוא הרוח חיים של הכל, כמו שכתוב ואתה מחיה את כולם, ומשם נשתלשל כל כך עד שנתהווה למטה בחינת הד' יסודות גשמיים הכלולים מטוב ורע וכל המדות טובות נמשכין מהטוב שבד' יסודות ששרשם למעלה למעלה בחינת ארבע אותיות הויה וזה הוא בחינת הרוח חיים שלהם, וזה לעומת זה יש בחינת רוח הטומאה רוח סערה שמשם שורש הרע שבד' יסודות היינו של כל המדות רעות שנמשכין גם כן מהד' יסודות וכו.

דקדושה, און ס'איז דא די פארקערטע אהבה; ס'איז דא גבורות דקדושה, און ס'איז דא גבורות דסטרא אחרא. און אזוי אויך אין אלע מידות פונעם מענטשן – ס'איז דא אין דעם גוט'ס מיט שלעכט'ס.

מ'דארף עס אפשיידן, אז דאס 'טוב' מיט דעם 'רע' זאלן זיין אפגעשיידט איינס פונעם אנדערן. און דאס – זאגט דארטן דער רבי[ח] – ווערט דורך תורה מיט תפילה; אז מ'לערנט תורה, אז מ'לערנט אסאך תורה, צוזאמען מיט תפילה.

וואס הייסט 'תורה מיט תפילה'? אז מ'לערנט תורה – אבער מ'דארף זוכה זיין אז דאס לערנען זאל זיין ריכטיג; מ'זאל זוכה זיין מכוון זיין 'לאמיתה של תורה', מ'זאל ארויסקומען מיט א בירור הלכה, ס'זאל אויסקומען יעדע זאך מבורר די הלכה. און כדי צו האבן דעם בירור הלכה, דארף מען זוכה זיין צו א שכל – א 'שכל התורה'. דורך דעם שכל - אז מ'איז זוכה צו אים - ווערט יעדע זאך מבורר.

זאגט דער רבי[ט], אז דעם שכל באקומט מען דורך תפילה; אז מ'דאווענט, האט מען דעם שכל. ס'שטייט: "**וּמַעְיָן מִבֵּית ה' יֵצֵא**" – 'מעין' איז דער

---

**ח.** שם: וְלָבוֹא לְזֶה - לְהַפְרִישׁ וּלְהַבְדִּיל וּלְבַטֵּל הָרָע מֵהַטּוֹב - הוּא עַל־יְדֵי תּוֹרָה וּתְפִלָּה, **וְלִמּוּד הַתּוֹרָה יִהְיֶה לָלוּן לְעָמְקָהּ שֶׁל הֲלָכָה, הַיְנוּ לִלְמֹד פּוֹסְקִים**. כִּי יֵשׁ בְּהַתּוֹרָה אֲחִיזַת הַטּוֹב וְהָרָע, שֶׁנֶּאֱחָזִין מִבְּחִינַת אִסּוּר וְהֶתֵּר, טָמֵא וְטָהוֹר, כָּשֵׁר וּפָסוּל, שֶׁיֵּשׁ בְּהַתּוֹרָה; וְכָל זְמַן שֶׁאֵינוֹ מְבָרֵר הַהֲלָכָה הוּא מְעֹרָב טוֹב וָרַע; וְעַל כֵּן אֵינוֹ יָכוֹל לְהַפְרִישׁ וּלְבַטֵּל הָרָע מֵהַטּוֹב וכו' עַד אֲשֶׁר הוּא מְעַיֵּן וּמְבָרֵר הַפְּסַק־הֲלָכָה וּמְבָרֵר הָאָסוּר וְהַמֻּתָּר וְכוּ', דְּהַיְנוּ עַל־יְדֵי לִמּוּד פּוֹסְקִים, אֲזַי מַפְרִישׁ הַטּוֹב מֵהָרָע.

**ט.** שם: **אַךְ לִזְכּוֹת לְזֶה הַשֵּׂכֶל, שֶׁיּוּכַל לָלוּן לְעָמְקָהּ שֶׁל הֲלָכָה, הוּא עַל־יְדֵי תְּפִלָּה, כִּי מִשָּׁם נִמְשָׁךְ הַשֵּׂכֶל**. וְהָעִנְיָן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בְּתִקּוּנֵי־זֹהַר 'גַּן - דָּא אוֹרַיְתָא', כִּי הַתּוֹרָה נִקְרֵאת גַּן, וְנִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל הַמְעַיְּנִים וּמְבִינִים בְּהַתּוֹרָה הֵם בְּחִינַת עֲשָׂבִין וּדְשָׁאִין דְּאִתְרַבִּיאוּ בַּגָּן. וּמֵאַיִן הֵם גְּדֵלִים? הוּא מִמַּעְיָן, דָּא חָכְמָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב "מַעְיַן גַּנִּים". וּמֵהֵיכָן מְקַבְּלִין הַחָכְמָה וְהַשֵּׂכֶל שֶׁהוּא בְּחִינַת הַמַּעְיָן? הוּא מֵהַתְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב "וּמַעְיָן מִבֵּית ה' יֵצֵא" - הוּא הַתְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב "כִּי בֵיתִי בֵּית תְּפִלָּה" וכו'. וּמִשָּׁם נִמְשָׁךְ הַמַּעְיָן הוּא הַחָכְמָה אֶל הַתּוֹרָה, וְשָׁם יוֹצֵא אֶל הַפֹּעַל, וכו'. וְכַאֲשֶׁר נִמְשָׁךְ מַעְיַן הַחָכְמָה מֵהַתְּפִלָּה אֶל הַגָּן שֶׁהוּא הַתּוֹרָה, אֲזַי אִתְרַבִּיאוּ עֲשָׂבִין וּדְשָׁאִין - נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, כְּלוֹמַר **שֶׁגְּדֵלִים**

מעיין החכמה וואָס קומט ארויס 'מבית ה'". וואס איז דער 'בית ה'"? ס'שטייט: "**כִּי בֵיתִי בֵּית תְּפִלָּה**" – דער בית ה' איז דער ענין פון תפילה. פון וואו גייט ארויס דער מעין החכמה? דער מעין החכמה, וואס דורך אים לערנט מען תורה, מ'פארשטייט די תורה און מ'איז זוכה צו מברר זיין די הלכה – דאס איז מען מקבל דורך תפילה ('בית ה'')."

זאגט רבי אברהם (ב"ר נחמן) [י]: תפילה מיינט צו זאגן אז מ'דארף מתפלל זיין אויף דעם; אויף דעם אליין דארף מען מתפלל זיין – מ'זאל זוכה זיין צו א שכל. "**עיקר כוונתו, על תפילת האדם שהוא מתפלל על אודות התורה בעצמה, שיזכה לברר ההלכה בכל דבר באופן שידחה מאתו כל הרע**".

דאס הייסט, אז יעדער איינער, לויט וויפיל ער איז מתפלל צו זוכה זיין צו באקומען דעם שכל פון די תורה – אזוי פיל איז ער זוכה צו מברר זיין די הלכות; און אזוי איז ער זוכה צו מברר זיין זיינע מידות – אלע זיינע מידות איז ער זוכה אויסצוררייניגן און מברר זיין.

און רבי נתן זאגט אין 'ליקוטי הלכות' אויף דעם, אז מיט דעם איז ער אויך מברר די גשמיות פון די ארבע יסודות – וואס די מידות קומען דאך פון די ארבע יסודות – במילא איז מען זוכה צו ווערן אויסגעהיילט פון אלע חולאים. ווייל די סיבה פון אלע חולאים איז דאס וואס ס'זענען אויסגעמישט די בלוטן 'טוב ורע'. און **דורך דעם וואס דער מענטש איז זוכה צו לערנען לאמיתה של תורה און מברר זיין די הלכה - דורך דעם ווערן זיינע בלוטן נתברר פונעם 'רע', און ער ווערט אויסגעהיילט פון אלע חולאים.**

---

**בְּהַגָּן וּמְבִינִים וּמַשְׂכִּילִים בְּהַתּוֹרָה**, וַאֲזַי זוֹכֶה לָלוּן בְּעָמְקָהּ שֶׁל הֲלָכָה לְבָרֵר הַדִּין, הָאָסוּר וְהַמֻּתָּר, הַטָּהוֹר וְכוּ', וּבָזֶה מַפְרִישׁ הַטּוֹב מֵהָרָע כַּנַּ"ל.

**י.** ראה שם באות א: ונהר יוצא מעדן, היינו מהתפלה וכו', להשקות את הגן, הוא התורה. בהודעתו הזאת שהוא מודיע ברוממות התפלה, שהיא בעדן, ולמעלה מגן התורה. יש לסובב עיקר כוונתו, על תפלת האדם שהוא מתפלל על אודות התורה בעצמה, שיזכה לברר ההלכה בכל דבר באופן שידחה מאתו כל הרע, עד שיזכה לקיום התורה.

## "ללון לעומקה של הלכה"

על כל פנים, דאס אלעס ליגט אין דעם – אין דער שקידה פון תורה ותפילה, אז א מענטש לייגט זיך אריין אין תורה ותפילה ווי ס'דארף צו זיין.

און דער רבי זאגט דארטן, אז דורך דעם שכל וואס מ'איז מקבל פון תפילה, איז מען זוכה "**ללון לעומקה של הלכה**". דאס הייסט, אז דער שכל וואס איז דא אין די תורה, וואס דאס איז מברר די הלכה – דאס איז נישט קיין פשוט'ער שכל; דאס איז א שכל וואס זיין פשט איז, אז דער מענטש דארף ליגן אין דעם.

'ללון לעומקה של הלכה' – א מענטש זאל אריינגיין אין דעם עמקות און נעכטיגן מיט דעם. אוועקגעבן דעם גאנצן שלאפן פאר דעם; מיט דעם לייגט מען זיך, און מיט דעם שטייט מען אויף. דער גאנצער מוח פון א מענטשן זאל ליגן אין תורה טאג און נאכט; **טאג און נאכט זאל דער גאנצער מוח פון א מענטש ליגן אין תורה.**

אז א מענטש לערנט תורה אויף אזא סארט אופן, איז ער זוכה ממשיך צו זיין א שכל התורה, און דער שכל התורה גייט אריין אין אים. אזוי איז ער זוכה צו באקומען דעם עמקות פון תורה – 'ללון לעומקה של הלכה'. דעמאלטס איז ער א שקדן; ער זיצט און ער לערנט, און ער איז מברר דאס וואס ער לערנט. דעמאלטס רייניגט עס אים זיינע מידות און די גשמיות פון זיין גוף – אלעס ווערט גערייניגט מיט דעם.

עכ"פ, דאס איז איינע פון די פלעצער וואו מ'זעט שטארק די זאך, ווי דער רבי האט שטארק געוואלט מ'זאל לערנען. און מיר האבן שוין דערמאנט – אז דער רבי דריקט פון אלע לימודים; ביים רבין איז דער עיקר געווען דער

"**לימוד הפוסקים**"[יא]. דער עיקר לימוד איז געווען די לימוד הפוסקים; דער עיקר לימוד איז געווען "**לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא**"[יב].

איז צו זאגן 'סדרים אין לערנען' – יעדער בחור זיצט אין ישיבה, און ס'איז דאך פארהאן: די ישיבה געבט סדרים. מ'דארף נישט יעצט גיין טראכטן ווי

---

**יא.** ראה שיחות הר"ן כ"ט: **וְעַל לִמּוּד הַפּוֹסְקִים הִזְהִיר מְאֹד מְאֹד בְּיוֹתֵר מִכָּל הַלִּמּוּדִים.** וְרָאוּי לִלְמֹד כָּל הָאַרְבָּעָה "שֻׁלְחָן-עָרוּךְ" כֻּלָּם מֵרֹאשָׁם עַד סוֹפָם כַּסֵּדֶר. אִם יָכוֹל לִלְמֹד כָּל הָאַרְבָּעָה שֻׁלְחָן־עָרוּךְ עִם כָּל הַפֵּרוּשִׁים הַגְּדוֹלִים מַה טּוֹב. וְאִם לָאו עַל־כָּל־פָּנִים יִלְמַד כָּל הָאַרְבָּעָה "שֻׁלְחָן־עָרוּךְ" הַקְּטַנִּים. וְהוּא תִּקּוּן גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד. כִּי עַל־יְדֵי חֲטָאִים נִתְעָרֵב טוֹב וָרָע, וְעַל־יְדֵי לִמּוּד פּוֹסֵק שֶׁמְּבָרֵר הַכָּשֵׁר וְהַפָּסוּל הַמֻּתָּר וְהָאָסוּר הַטָּהוֹר וְהַטָּמֵא עַל־יְדֵי־זֶה נִתְבָּרֵר וְנִפְרַשׁ הַטּוֹב מִן הָרָע וְכַמְבֹאָר בְּמַאֲמָר רָאִיתִי מְנוֹרַת זָהָב וּבִשְׁאָר מַאֲמָרִים מַעֲלַת לִמּוּד הַפּוֹסְקִים.

וראה ביאור הליקוטים בתורה ס"א (אות ס"א): אַגַּב אוֹרְחָא הִנְנִי לְהַצִּיג מָה שֶׁשָּׁמַעְתִּי מֵאָבִי זַ"ל בְּשֵׁם מוהרנ"ת זַ"ל, שֶׁלֹּא נִמְצָא לוֹ בֵּרוּר הַהֲלָכָה וְהַמִּשְׁפָּט הַנַּ"ל, זוּלַת בְּג' דְּבָרִים: **חִיּוּב לִלְמֹד הַפּוֹסְקִים בְּכָל יוֹם וָיוֹם.** וְחִיּוּב הַתְּפִלָּה וְהַבַּקָּשָׁה, לְחַדֵּשׁ בָּהּ בְּכָל יוֹם כְּפִי מָה שֶׁעוֹבֵר עָלָיו. וְחִיּוּב אֲסֵפַת הַנְּפָשׁוֹת בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה לִמְקוֹם גְּנִיזָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה, עַד כָּאן לְשׁוֹנוֹ. וְהַנִּרְאֶה לַעֲנִיּוּת דַּעְתִּי, שֶׁהֵן הֵן הַג' דְּבָרִים הַמֻּכְרָחִים בְּכָל אִישׁ וְאִישׁ, לְבַקֵּשׁ וּלְחַפֵּשׂ עֲלֵיהֶם לִכְלָלִיּוּת עֲצוֹתָיו וְהַנְהָגוֹתָיו הַמֻּכְרָחִים לוֹ. כִּי לִמּוּד הַפּוֹסְקִים, הוּא מָה שֶׁעִסְקוֹ [שֶׁל] **כָּל אֶחָד עַד מָקוֹם שֶׁיָּדוֹ מַגִּיעַ**, לְבָרֵר וְלִמְצֹא גַּם עַתָּה בֵּרוּר הַהֲלָכָה שֶׁבִּכְלָלוּת הַמִּשְׁפְּטֵי אֱמֶת וכו'. וראה ובעל"ת מכתב קע"ה: הֲלֹא אָנוּ לוֹמְדִים **פּוֹסְקִים וְאַרְבָּעָה שֻׁלְחָן עָרוּךְ בְּכָל יוֹם**, וְהוּא הַנְהָגָה קְדוֹשָׁה מֵרַבֵּנוּ זַ"ל שֶׁהִזְהִיר מְאֹד עַל זֶה כַּמְפֻרְסָם וְכַנִּדְפָּס בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים. (וראה עוד בשיש"ק החדש חלק ג' ערך "שולחן ערוך").

**יב.** ראה בליקו"ה הל' שבועות ב, ל"ג: וְעַל־כֵּן הָעִקָּר הוּא הַגְּמָרָא שֶׁהוּא בְּחִינַת סוֹף הָאֱמֶת שֶׁהִיא מְבָרֶרֶת כָּל דִּינֵי הַתּוֹרָה לַאֲמִתָּתָן עַד שֶׁיּוֹדְעִין עַל יָדָהּ הֲלָכָה לְמַעֲשֶׂה. וְעַל-כֵּן **גַּם בְּהַגְּמָרָא בְּעַצְמָהּ הָעִקָּר לַאֲסוּקֵי שְׁמַעְתְּתָא אַלִּבָּא דְּהִלְכְתָא**, וְזֶהוּ עֶצֶם מַעֲלַת לִמּוּד הַפּוֹסְקִים שֶׁהֵם מְבָרְרִים הַהֲלָכָה בֶּאֱמֶת שֶׁנִּזְכֶּה לֵידַע אֵיךְ לְהִתְנַהֵג בְּכָל מִצְוֹת הַתּוֹרָה. ובהל' נטילת ידיים ו, צ"א: ..אַף אֲפִלּוּ הָעוֹסְקִים בְּחָכְמוֹת הַתּוֹרָה וּבְפִלְפּוּלָא לְשֵׁם שָׁמַיִם כִּי חֲדֵי קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בְּפִלְפּוּלָא, אַף-עַל-פִּי-כֵן אֵין זֶה עִקַּר הַתַּכְלִית - **כִּי הָעִקָּר הוּא לַאֲסוּקֵי שְׁמַעְתְּתָא אַלִּבָּא דְּהִלְכְתָא** כְּמוֹ שֶׁמָּצִינוּ בְּהַקַּדְמוֹנִים שֶׁנִּתְרַחֲקוּ מֵהַפִּלְפּוּל שֶׁל הֶבֶל רַק יָרְדוּ לְעֹמֶק הַהֲלָכָה לַאֲסוּקֵי שְׁמַעְתְּתָא אַלִּבָּא דְּהִלְכְתָא. אֲבָל אֲפִלּוּ הָעוֹסְקִים בָּזֶה בֶּאֱמֶת לְשֵׁם שָׁמַיִם שֶׁבְּוַדַּאי אַשְׁרֵי לָהֶם אַשְׁרֵי חֶלְקָם, אֲבָל עֲדַיִן אֵין זֶה תַּכְלִית הַשְּׁלֵמוּת, כִּי עִקַּר הַתַּכְלִית בִּשְׁלֵמוּת הוּא הַלִּמּוּד הַקָּדוֹשׁ שֶׁמֵּבִיא לִידֵי מַעֲשִׂים טוֹבִים וּמִדּוֹת יְשָׁרוֹת וְלָשׁוּב מֵעֲבֵרוֹת לְהַצִּיל אֶת יִשְׂרָאֵל מֵהָעֲווֹנוֹת שֶׁזֶּה עִקַּר הָרַחֲמָנוּת עַל יִשְׂרָאֵל כַּנַּ"ל, כִּי לֹא הַמִּדְרָשׁ הוּא הָעִקָּר אֶלָּא הַמַּעֲשֶׂה. וּכְמוֹ שֶׁאָנוּ מְבַקְּשִׁים בְּכָל יוֹם, וְתֵן בְּלִבֵּנוּ בִּינָה לְהָבִין וּלְהַשְׂכִּיל לִשְׁמֹעַ לִלְמֹד וּלְלַמֵּד לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת וּלְקַיֵּם וְכוּ'.

אזוי צו מאכן סדרים. ווען א מענטש איז ברשות עצמו, דארף ער טראכטן מער ווי אזוי ער מאכט זיינע סדרים; אבער ווען א בחור זיצט אין א ישיבה, איז דאך דא – די ישיבה געבט דאך סדרים.

אבער וואס, דער עיקר וואס מיר דארפן דערהערן אין דעם איז, אז די סדרים זאלן ווערן אויסגעהיטן ווי ס'דארף צו זיין. אז מ'זאל טאקע היטן די סדרים, **ס'זאל זיין 'פולע סדרים'**. טרעפן דעם שורש פון די שפאלטן – פארוואס ווערט רפיונות? וואס מאכט די רפיונות און וואס איז די רפואה צו דעם, אז מ'זאל יא זוכה זיין צו דער ריכטיגער התמדת הלימוד אזוי ווי דער רבי האט געוואלט. ווי דער רבי זאגט דא, אז 'בדורות הללו בעוונותינו הרבים נפל לימוד התורה מאד'. דער רבי האט געוואלט מ'זאל צוריקגיין – 'נכספתי להמשיך העולם אל העשיה' – צוריקברענגען דעם עולם צו דער ריכטיגער התמדה.

## א לעבעדיגע קשר מיט די תורה

אין דעם ליגט א געוואלדיגע זאך. א בחור וואס לערנט אין ישיבה דארף וויסן א כלל – א גרויסן כלל דארף מען וויסן: א בחור לערנט א מסכתא. [פונה לבחורים:] יא, לאמיר זאגן, וועלכע מסכתא לערנסטו? [בחור א': סוכה!]. און וואס לערנט מען ביי אייך? [בחור ב': נדרים!] און ביי אייך, וואס לערנט מען? [בחור ג': בבא בתרא!].

יא, שוין. איז יעדער איינער האט א מסכתא. א מסכתא – נדרים! סוכה! בבא בתרא! יא, יעדע מסכתא איז א מסכתא[יג].

א מענטש דארף וויסן – מ'זאגט דאך ביי די סיום מסכתות, צום ביישפיל (לדוגמא) ווען איינער ענדיגט מסכת בבא בתרא, זאגט מען: "**הדרן עלך והדרך**

---

**יג.** ראה דיבורים נפלאים בעני"ז ברוחא דחיי קונטרס ז - כבוד התורה ח"ב, עמ' ג' ואילך.

**עלן, לא נתנשי מינך ולא תתנשי מינן**". דאס מיינט: מיר זאלן דיר נישט פארגעסן, און דו זאלסט אונז נישט פארגעסן. דא זעט מען דאך, אז א מסכתא איז א לעבעדיגע זאך.

א מסכתא איז א לעבעדיגע זאך! אז מ'געזעגנט זיך פון א מסכתא זאגט מען: דיין שיינקייט איז אויף מיר, און מיין שיינקייט איז אויף דיר – ס'איז דא עפעס א קשר צווישן אונז. 'הדרך עלן והדרן עלך' – דיין 'הדר' איז אויף מיר, און מיין 'הדר' איז אויף דיר. מיר וועלן דיר חזר'ן! 'לא נתנשי מינך' – איך וועל דיר נישט פארגעסן, איך זאל נישט פארגעסן די מסכתא. 'לא תתנשי מינן' – דו וועסט מיר נישט פארגעסן; מ'בעט זיך ביי דער מסכתא, אז זי זאל אונז אויך נישט פארגעסן[יד].

ס'איז דא עפעס א גאנצער קשר צווישן אונז. דער פשט איז, ווי דער רבי זאגט: 'שהתורה מראה אהבה' – ס'איז דא עפעס א קשר. **ווען א מענטש לערנט א מסכתא, דארף ווערן א קשר צווישן אים און דער מסכתא.** ער דארף האבן א דאגה זיך צו באקענען מיט די מסכתא, צו ווערן נאנט מיט איר.

---

**יד.** ראה נחת השולחן יו"ד סימן רמ"ה וכו': וע"כ אומרים אז אז הדרן עלך וכו' דעתן עלך וכו'.

הדר הוא כנגד בחי' מלכות בחי' כבוד הדר מלכותו, **גם הוא בחי' הידור וחן** בחי' הוד והדר תשוה עליו. דעת הוא כנגד אור הדעת והחכמה. ויש מפרשין הדרן מלשון בעי למי, **הדר מלשון חזרה** שחיזר על משנתו. כי מאחר שזכה לסיים המסכתא שזה מבח"י מלכות בחי' סוף דבר ועי"ז בעצמו זוכה לאור החכמה שהיא בבחי' ראשית ע"כ צריך תיכף לחזור על משנתו לראשית המסכתא, ואפילו אם אינו חוזר ולומד ממש תיכף זאת המסכתא מתחלתה עכ"פ צריך גם בסוף המסכתא שתהיה דעתו וחמחשבתו קשורה ואדוקה היטב עדיין גם בתחלת המסכת. וראה בהקדמת הבן איש חי: אורייתא אורייתא, הא אהבה ורשפין דשלהובא דליבא אבתרך. יהא רעוא דתהוי אנת חקוקה בליבן, הדרן עלך אורייתא קדישתא. והדרך עלן אורייתא קדישתא דעתך עלן אורייתא קדישתא ודעתן עלך אורייתא קדישתא לא נתנשי מינך ולא תתנשי מינן לא בעלמא דין ולא בעלמא דאתי.

ס'איז נישט דער פשט – 'שוין, די ישיבה הייסט לערנען, וואס מען מוז לערנען לערנט מען, וואס מען מוז נישט מוז מען נישט, מ'האט יוצא געווען'. מ'האט יעצט אנגעהויבן די מסכתא? מ'דארף אסאך אסאך מתפלל זיין, מ'זאל זוכה זיין צו מקבל זיין די מסכתא. די תפילות דארפן זיין תפילות אויף דער מסכתא: **'רבוש"ע, העלף מיר איך זאל זוכה זיין צו מקבל זיין די מסכתא...'**.

און באמת, וואס איז באמת דער שורש פון געדענקען? ווי אזוי געדענקט מען? וואס איז דער שורש באמת פון געדענקען – פארוואס געדענקט מען יא, און פארוואס געדענקט מען נישט?!

ס'איז דא א באוואוסטער יסוד: א זאך וואס א מענטש פארשטייט נישט, איז שווער צו געדענקען. ס'איז געווען א איד אין ירושלים וואס מ'האט געזאגט אויף אים, אז ער איז א מורא'דיגער בעל תפיסה און א מורא'דיגער בעל זכרון. מ'האט אים געקענט פארליינען א בריוו אויף 'טערקיש' – ער האט נישט פארשטאנען קיין האלב ווארט – און ער האט עס געקענט גלייך נאכזאגן. דאס איז א קונץ; א מענטש פארשטייט נישט קיין האלב ווארט, און ער קען עס נאכזאגן.

אבער אז מ'וויל נישט דארפן מאכן קיין קונצן... איז וואס מער מ'פארשטייט, געדענקט מען בעסער. אז דער מענטש פארשטייט וואס ער לערנט, געדענקט ער; וואס מער ער פארשטייט דאס וואס ער לערנט, געדענקט ער מער.

קומט דאך אויס: וואס איז די ערשטע זאך פון דעם לערנען? **דער שכל פון דער תורה!** אין יעדע זאך וואס מ'לערנט, איז דא דער שכל פון תורה. און דאס – דער שכל – קומט ארויס דורך תפילה!"

## א חשק צו "חכמת התורה"

א מענטש דארף אסאך מתפלל זיין אז ער זאל זוכה זיין צום שכל פונעם תורה[טז]. ס'איז דא איינער וואס ער לערנט נדרים – איז די ערשטע זאך: ס'איז דא א שכל, ס'איז דא דער שכל פון נדרים. יעדער איינער פארשטייט אליין אז דער שכל פון 'נדרים' איז נישט דער שכל פון 'בבא בתרא'; ס'איז אן אנדער שכל.

ס'איז דא א שכל פון 'בבא בתרא' – פון משא ומתן, פון חזקות, פון שייכות מיט שכנים, כל מיני סארטן זאכן; דאס איז איין סארט שכל. און ס'איז דא א שכל פון 'נדרים'. ס'איז דא א שכל וואס די תורה האט אונז מגלה געווען: 'ככל היוצא מפיו יעשה' – א מענטש מאכט א נדר דארף ער מקיים זיין דעם נדר. און וואס מיינט א 'ווארט'? וואס הייסט א 'כינוי'? וואס ליגט בכלל אין דעם ווארט? אלעס דרייט זיך ארום דעם; דאס איז דער שכל פון נדרים. די אלע הלכות וואס מ'לערנט, אלעס זענען פרטים פון דעם שכל.

די זעלבע זאך ווען מ'לערנט 'סוכה': ס'זענען אלעס פרטים פונעם שכל פון 'סוכה'. ס'איז דא א מצוה פון סוכה, און ס'איז דא א מצוה פון לולב, און דיביידע האבן א שייכות אינעם חג הסוכות. און דאס זענען אלע הלכות וואס קומען ארויס פון איין שכל; ס'זענען פרטים פון דעם שכל, אסאך פרטים.

און דער שכל – דאס איז א זאך וואס בשעת א מענטש איז מתפלל צום אויבערשטן ער זאל באקומען **א ליבשאפט צו דעם שכל**, ער זאל זוכה זיין

**טז.** ראה ליקו"ה הל' שליח לגבות חובו ג, כ"ט: עִקַּר הָעֲבוֹדָה שֶׁל הָאָדָם הוּא שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַמְשִׁיךְ הַמַּעְיָן הַיּוֹצֵא מִבֵּית ה' שֶׁהוּא הַנָּהָר הַיּוֹצֵא מֵעֵדֶן כְּדֵי לְהַשְׁקוֹת אֶת הַגַּן שֶׁהוּא הַתּוֹרָה, דְּהַיְנוּ **שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל וְיַרְבֶּה בְּכָל יוֹם בִּתְפִלּוֹת וְתַחֲנוּנִים עַד שֶׁיַּמְשִׁיךְ אֵלָיו שֵׂכֶל וְחָכְמָה אֶל הַתּוֹרָה** כְּדֵי שֶׁיִּזְכֶּה לְבָרֵר פְּסַק הַהֲלָכָה וְכוּ', כַּנַּ"ל. שֶׁעַל-יְדֵי-זֶה יִזְכֶּה לְבָרֵר כָּל הָאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת וכו'.

צו וועלן דעם שכל – דעמאלטס גייט אריין אין אים דער שכל, ער באקומט א חשק צו לערנען, און ער לערנט עס.

יעצט, דער המשך פון דעם איז: אז יעדער איינער וואס לערנט א מסכתא, דארף האבן א געוואלדיגן רצון צו קענען די מסכתא. קענען די מסכתא! זיך משתדל זיין יעדער איינער לויט זיינע תנאים. יעדער איינער האט זיך זיין טאג מיט זיינע מעגליכקייטן – אבער זען אז די מסכתא זאל זיין די ערשטע זאך; כאטשיג איין מאל דורכגיין די גאנצע מסכתא, כאטשיג איין מאל. און אז איך קען נישט גמרא-רש"י-תוספות? איז כאטשיג גמרא-רש"י. איך קען מיט גמרא-רש"י-תוספות? איז נאך בעסער. און אז מ'קען עטליכע מאל, איז נאך בעסער.

און אז מ'לערנט די מסכתא, זאל מען אויך האבן א שייכות מיט דעם חלק 'הלכה למעשה' פון דער מסכתא, וואס דאס איז דער עיקר פון דער מסכתא. דער עיקר שכל פון דער מסכתא איז דאס וואס ס'בלייבט 'הלכה למעשה'. מ'דארף עס וויסן: א מענטש לערנט א מסכתא, ער לערנט אזוי פיל בלעטער מיט אזוי פיל מחלוקת'ן, און ער ווייסט נישט וואס ס'בלייבט להלכה... ס'בלייבט אים גארנישט, ער גייט ארויס פון דער מסכתא א צוטומלטער.

פארוואס זאל זיך נישט א מענטש מרגיל זיין - אמאל האט מען שטארק גערעדט פון דעם[טז] - צו לערנען דעם רא"ש, דעם רי"ף, הלכה למעשה! יעדע

**טז.** ראה בשל"ה תורה שבעל פה כלל יצחק (כלל כו): על כן הזהר שלא לקשרו בדברי רוח ולהרבות הבלים רק בתורת אמת תן חלקך. הוא רבינו הגדול הרי"ף ז"ל, שהוא תלמוד הקצר וכו' (עיי"ש ובנתיבות עולם למהר"ל נתיב התורה פ"ה). ובספר יוסף אומץ: לבחורים ונערים אין לימוד בעולם המצליח בידם כמו האלפסי (הרי"ף}, דהוא כרכא דכולהו ביה מבוא ומפתח לכל הפוסקים וכו'. וראה עוד בשו"ת חוות יאיר סימן קכ"ד ובדרישה יו"ד רמ"ו. וראה במעשה רב ס' ובספר ראש הגבעה שכך ציווה הגר"א לתלמידיו ללמוד הרבה ולשנן דברי הרי"ף שזהו תחילת הלימוד מכל הפוסקים וכו'. ובהקדמה לליקוטי הלכות (קדשים) כתב החפץ חיים: ולענ"ד עצה קטנה לזה שיהיה בקי בעיקר ההלכות מן הש"ס דהיינו שיראה ללמוד הרי"ף מן הש"ס עם פירוש רש"י, ובאמת היה כמה מאות שנים שהיה נלמד הרי"ף לבדו עם פירוש רש"י וכו'. והנה העצה

זאך וואס מ'לערנט, זיך משתדל זיין אנצוקומען צום גמר פון דער מסכתא. און די זעלבע זאך דעם 'שולחן ערוך': מ'לערנט נדרים – הלכות נדרים; מ'לערנט סוכה – הלכות סוכה. מ'לערנט בבא בתרא – דארף מען לערנען די אלע הלכות פון שותפים בקרקע מיט עסקי שכנים, די אלע סימנים וואס רעדן פון די זאכן. מ'דארף האבן א שייכות מיט דעם.

וואס מער א מענטש לערנט אויף אן אופן אז ס'זאל בלייבן עפעס פון דעם – און מ'דארף מתפלל זיין אויף דעם, ס'גייט נישט אן תפילה – דאס ברענגט אז מ'זאל זוכה זיין באמת 'ללון לעומקה של הלכה'.

און יעדער איינער קען עס; ס'האט נישט מיט כשרונות. כשרונות מיינט: יענער האט מער כשרונות מאכט ער עס אויף א מער מוכשר'דיגן אופן, ער האט ווייניגער מאכט ער עס אויף א פשוט'ן אופן. אבער ס'האט גארנישט מיט כשרונות; **נישט כשרונות איז דא דער כלל. דער עיקר איז די ערנסטקייט; ווי ערנסט מ'גייט צו צום נושא: איך וויל! פשוט, איך וויל קענען די תורה!** אז איך לערן יעצט די מסכתא – ליגט מען אין דער מסכתא! נישטא קיין ליידיגע צייט. אז די ישיבה געבט סדרים פון שעה'ן צו לערנען, דארפן די שעה'ן ווערן אנגעפילט.

## 'פשוט'קייט' און 'התמדה'

אלע זאכן, אלע ביטולים וואס מאכן זיך אינמיטן סדר – **דאס קומט נאר ווייל מ'האט נישט קיין חיות!** מ'האט נישט קיין חיות אינעם לערנען, מ'האט נישט קיין טעם אין לערנען, מ'האט נישט קיין מטרה אין דעם לערנען. אבער אז מ'בינדט זיך צו צו דער מטרה, אז מ'וויל קענען די מסכתא אויף א פשוט'ן אופן וואס איז שווה לכל נפש...

---

הזאת של לימוד הרי"ף עם רש"י מצאתי במעשה רב בשם הגר"א שכתב שם "ללמוד רי"ף בכל יום עם פירוש רש"י ולחזור היטב", כי באמת מזה ידע עיקרי ההלכות של כל מסכת.

איך זאג נישט – יעדער איינער האט זיין מאס וויפיל ער איז מעיין, וואס ער קען מעיין זיין און וואס ער קען מיטהאלטן. דאס ריר איך נישט אן; איך ריר גארנישט אן פון דעם. איך רעד אבער וואס מ'טוט נאכדעם.

מ'זעט במציאות אז בחורים דרייען זיך ארום – ער האט נישט ליב דעם לערנען, ער איז נישט קיין שקדן – אזוי ווי דער רבי זאגט אז "**בעוונותינו הרבים נפל לימוד התורה מאוד**", ס'איז שטארק געפאלן. און אז איינער לערנט שוין אביסל מער-ווייניגער, טאר מען שוין אוודאי נישט זאגן קיין ווארט: 'וואס ווילסטו פון מיר? בשעת אנדערע בחורים דרייען זיך ארום אין די צימערן אדער אינדרויסן, זיץ איך דאך מער-ווייניגער און איך לערן!'.

אבער איינער וואס איז זיך אביסל מתבונן, זעט צו דו לערנסט טאקע צו נישט; צו ס'הייסט געלערנט אדער ס'איז נאר פון אויבנאויף. ווען איינער האט א ריכטיגן חשק, איז עס אן אנדער סארט לערנען – דער גאנצער קאפ, די גאנצע רמ"ח איברים ליגן אין דעם ענין!

וואס איז גורם אז מ'זאל נישט האבן דעם חשק? דאס קומט טאקע פון דעם וואס מ'וויל האבן – מ'האט שוין גערעדט פון דעם ביים אנהויב זמן – אז מ'זוכט נאר א שייכות מיט דער טיפקייט פונעם לערנען, מיט דער שארפקייט פונעם לערנען, נאר אויף א געוויסן אופן. אבער די אלע פשוט'ע חלקים פונעם לערנען זענען ביי אים נישט אינטערעסאנט; און דאס איז א חורבן שבחורבנות, א חורבן שבחורבנות!

די פשוט'קייט וואס דער רבי האט געזאגט: "**נכספתי להמשיך את העולם אל העשייה**" – מיט א פשוט'קייט; אזא פשוט'קייט אין לערנען[יז]. ס'מוז זיין

**יז.** וראה שם בסיום שיחה י"ט: וְכָל עִקַּר מְגַמָּתוֹ וְחֶפְצוֹ הָיָה תָּמִיד רַק לְעֻבְדּוֹת וַעֲשִׂיּוֹת שֶׁל קְדֻשָּׁה בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת כְּלָל, רַק שֶׁנַּעֲסֹק תָּמִיד בַּעֲשִׂיּוֹת שֶׁל קְדֻשָּׁה **בִּפְשִׁיטוּת**, דְּהַיְנוּ **לְהַרְבּוֹת בְּלִמּוּד הַתּוֹרָה** וְלַעֲשׂוֹת מִצְווֹת הַרְבֵּה בְּכָל יוֹם וּלְהַרְבּוֹת בִּתְפִלָּה וְתַחֲנוּנִים תָּמִיד וְהַכֹּל בִּפְשִׁיטוּת בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת.

א פשוט'קייט! אין דער פשוט'קייט האט יעדער איינער א שייכות; **יעדער האט א שייכות צו דער פשוט'קייט פונעם לערנען.** פשוט: איך וויל דורכגיין די מסכתא פון אנהויב ביזן סוף.

אויב א בחור זעט אז ער לערנט יעצט נישט מיט קיין חשק – איז וואס? איז בעסער דורכצושטופן די צייט אן קיין חשק? זאל ער לערנען עטליכע בלעטער גמרא, אפילו אן רש"י, אפילו ער וועט נאר פארשטיין פון אויבנאויף.

ס'זענען דא פרקים אין דער מסכתא וואס ער ווייסט נאך בכלל נישט וואס דארט שטייט – זאל ער אריבערגיין, ער זאל כאטש וויסן פשוט פון וואס מ'רעדט דארט. אויב זיין מוח ליגט נישט אינעם לערנען כראוי, זאל ער כאטש ליגן אויפן שוואכסטן אופן אינעם לערנען, אבער ער זאל ליגן דארט! וועט ער עס לערנען איין מאל, נאכאמאל און נאכאמאל – וועט ער אריינגיין אין דער מסכתא אלץ מער.

ווען איינער וויל ליינען א מעשה-ביכל, ליינט ער עס. אויב ער האט נישט קיין כח, ליינט ער עס פון אויבנאויף, און שפעטער וועט ער עס ליינען נאכאמאל. ער האט נישט קיין פראבלעם מיט קיין 'שיטות' אדער כללים ווי אזוי מ'דארף ליינען; ביי א מעשה-ביכל טרעפט יעדער זיין וועג ווי אזוי צו האבן א שייכות דערמיט.

א מענטש זאל וויסן אז זיין שייכות צום לערנען דארף זיין: **'איך וויל האבן א שייכות צו דער תורה, אויף וועלכן אופן דאס זאל נאר זיין'.** מ'וועט זיך שוין טרעפן; יעדער האט זיין וועג, זיין סארט, זיינע שוועריגקייטן און זיינע אפשרויות ווי אזוי ס'ווערט ביי אים מעגליכער צו זיצן און לערנען און האלטן דעם קאפ דערביי.

אבער דער כלל הדברים איז איין זאך: **מ'דארף ליגן אין לערנען! מ'דארף ליגן אין לערנען!** דאס איז א זאך וואס מ'דארף זיך אסאך משפט'ן אויף דעם, און זיך נישט נאכגעבן. שטיין אויף דעם און מתפלל זיין צום

אויבערשטן; מ'זאל זיך דראפען און זיך רייסן מ'זאל ליגן אין לערנען – און דאס איז דער קבלת התורה[יח].

## די רפואה פאר אלעס

מיר האבן גערעדט יענע וואך, אז דער אויבערשטער האט שוין מודיע געווען פון פריער אז ס'גייט זיין א גרויסע "שכחת התורה" – ס'גייט זיין א גרויסע שכחת התורה.

און דער ענין פון קבלת התורה – זאגט דער רבי אין תורה נ"ו[יט] – איז אז ס'דרייט זיך איבער; פון דער שכחת התורה אליין דרייט עס זיך איבער אז די תורה זאל נתגלה ווערן דווקא דורך דעם, ווי ס'שטייט (נאך "ואנוכי הסתר אסתיר"): **"וְעָנְתָה הַשִּׁירָה הַזֹּאת לְפָנָיו לְעֵד, כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ"**[כ]. אויף דעם באקומען מיר א שבועות יעדן יאר - **כדי מקבל צו זיין די תורה אין אונזער שכחת התורה.**

---

**יח.** ראה בטעם זקנים בטעם זקנים תחילת זמן חורף תשל"ה: **עס איז א נייער זמן - עס דארף זיך אנהויבן מיט התמדה**, איר זענט דאך ישיבה לייט (דארפט איר) האבן התמדה; לערנען גמרא מיט שלחן ערוך און נישט בטל'ען די צייט - וועט איר האבן צייט אויף אלעס! אז איר וועט אפהיטן די צייט, וועט איר זעהן אז עס איז דא צייט אויף צו לערנען דעם רבי'נס ספרים און עס איז דא צייט **אפצוהיטן די סדרים, די שיעורים וואס מען לערנט אין ישיבה**, און עס איז דא צייט צו זאגן (ליקוטי) תפילות אויך; דער עיקר - נישט בטל'ען די צייט!

**מען דארף אסאך בעטן דעם אויבערשטן מען זאל אפהיטן די צייט!** צייט אויף צו רעדן דברים בטלים איז נישטא! אז איר וועט אפהיטן די צייט, וועט איר זעהן אז איר וועט האבן צייט צו לערנען דעם רבי'נס ספרים, איר וועט האבן צייט אויף אפלערנען די סדרים וואס מען לערנט אין ישיבה, און דו וועסט האבן צייט צו שלאפן, דו וועסט האבן צייט זיך אויפצוהויבן, דו וועסט אויף אלעם האבן צייט - אין זאך וועט דיר נישט בלייבן קיין צייט - צו רעדן דברים בטלים וועט דיר נישט בלייבן קיין צייט, דאס נישט!

**יט.** עיי"ש באות ד. ובליקו"ה גיטין א.

**כ.** ראה תורה "לכו חזו" בתחילת ליקו"מ.

און דאס איז די בעסטע און שטארקסטע עצה קעגן אלע גזירות. מ׳האט מורא פונעם מיליטער, מ׳האט מורא פון וואס ס׳טוט זיך אין אן א שיעור זאכן וואס זענען א ירידת הדת... אבער די אלע זאכן רירן נישט אן דער וואס איז זיך מדבק אין די תורה! דער וואס איז זיך מדבק אין די תורה – קעגן אים איז נישטא קיין שום עצה; נישטא קיין שום עצה קעגן אים!

דער וואס האלט זיך אין די תורה מיט אן אמת, קען קיין איין גזירה נישט שלעכטס טאן אויף אים. אבער דער וואס האלט זיך נישט אן אין די תורה מיט אן אמת, איז באמת אין גרויסע סכנות... **ווייל ס׳איז נישטא נאך אזא גוטע עצה פאר אלע גזירות, ווי די עצה זיך מדבק צו זיין אין תורה**[כא].

אבער דאס אלעס דארף זיין צוזאמען מיט תפילה. דער רבי האט אונז געגעבן א וועג פון התבודדות: יעדער איינער דארף קובע זיין צו מתפלל זיין אסאך צום אויבערשטן; אסאך בעטן ביים אויבערשטן מ׳זאל זוכה זיין צו לערנען און צו האבן א חשק צום לערנען. מ׳זאל זיך קענען מתגבר זיין ווען מ׳האט נישט קיין חשק, און מ׳זאל נישט אדורכלאזן א טאג אן אסאך לערנען תורה[כב].

און יעדן טאג דארף מען אפגעבן א דין וחשבון אויפן מצב פונעם לימוד התורה. דאס דארף זיין דער עיקר משפט פונעם מענטשן; א מענטש דארף זיך אליין משפט׳ן: וואו האלט ער אין תורה? וואו האלט ער אין תורה?... מיר

---

**כא.** ראה קיצור ליקו״מ תורה ק״א: וְעַל־יְדֵי שֶׁהָאָדָם מִתְיַגֵּעַ בַּתּוֹרָה לְשֵׁם שָׁמַיִם, עַד שֶׁזּוֹכֶה לְהַשִּׂיג וּלְהָבִין חָכְמַת הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, עַל־יְדֵי־זֶה יוֹצֵא מִבְּחִינַת אַנְפִּין חֲשׁוּכִין לִבְחִינַת אַנְפִּין נְהִירִין, וְאָז נִתְבַּטֵּל מִמֶּנּוּ הַשִּׁעְבּוּד שֶׁל הַתַּאֲווֹת וְהַמִּדּוֹת רָעוֹת שֶׁל הַשִּׁבְעִים עַכּוּ״ם וכו׳ וְעַל־יְדֵי־זֶה זוֹכֶה **שֶׁנִּתְבַּטֵּל מִמֶּנּוּ עַל הַשִּׁעְבּוּד שֶׁל הָעַכּוּ״ם גַּם בְּגַשְׁמִיּוּת** כְּמַאֲמַר רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה ׳כָּל הַמְקַבֵּל עָלָיו עֹל תּוֹרָה׳ וְכוּ׳.

**כב.** ראה בעל״ת מכתב פ״ו: וְהָעִקָּר שֶׁעַל כָּל פָּנִים תִּקְבַּע עִתִּים לַתּוֹרָה **כַּמָּה שָׁעוֹת בְּכָל יוֹם** וּבְעֵת הַטִּרְדָּא עַל כָּל פָּנִים אֵיזֶה שָׁעוֹת קְטַנּוֹת. וּמֵאֵלֶיךָ תָּבִין אֵיךְ לִגְנֹב וְלִגְזֹל יָמִים וְשָׁעוֹת מִתּוֹךְ הַבִּלְבּוּל וְהַטִּרְדָּא שֶׁל הֶבֶל לַחֲטֹף בָּהֶם חַיֵּי עוֹלָם חַיֵּי נֶצַח. ובמכתב ק״ג: **וּתְחַזֵּק עַצְמְךָ מֵעַתָּה לַעֲסֹק בַּתּוֹרָה בְּכָל יוֹם מְעַט אוֹ הַרְבֵּה, עַל כָּל פָּנִים לֹא יַעֲבֹר עָלֶיךָ יוֹם כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ בְּלִי עֵסֶק הַתּוֹרָה חַס וְשָׁלוֹם**. וְהָעִקָּר לִלְמֹד פּוֹסֵק בְּכָל יוֹם וָיוֹם, חֹק וְלֹא יַעֲבֹר, כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ וכו׳.

האבן געזען יענע וואך – **אפילו א מענטש וואס געפינט זיך אין א "מצודה רעה", וועט אים די תורה ארויסנעמען אפילו פון די ערגסטע מצודות**[כג].

קומט אויס, אז וואס איז דער עיקר משפט פון א מענטשן, דער עיקר משפט וואס אין דעם איז אלעס תלוי? דאס איז: וויפיל ער לערנט, און **וויפיל ער ליגט אין לערנען. דאס איז די רפואה פאר אלע זאכן!**

## נישט משלים זיין מיטן 'ירידת הדור'

אבער כדי צו צוקומען צו דעם, דארף מען יעדן טאג עוסק זיין אין אסאך מתפלל זיין אויף דעם. צו קונה זיין באמת תורה דארף מען אסאך בעטן דעם אויבערשטן יעדן טאג; און יעדן טאג תשובה טאן און חרטה האבן אויף וואס מ'האט נישט געלערנט, און אסאך דאנקען דעם אויבערשטן אויף וואס מ'האט יא געלערנט.

---

**כג.** ראה ליקו"ה בציעת הפת ד', כ"ד: וּכְמוֹ שֶׁשָּׁמַעְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ זַ"ל שֶׁאָמַר: 'נִכְסַפְתִּי מְאֹד לְהַמְשִׁיךְ הָעוֹלָם אֶל עֲשִׂיָּה, דְּהַיְנוּ שֶׁיִּהְיֶה חִיּוּב לְכָל אֶחָד בְּכָל יוֹם לִלְמֹד כָּךְ וְכָךְ כְּפִי עֶרְכּוֹ' וְכוּ'. וְשָׁאַלְתִּי אוֹתוֹ אָז: הֲלֹא יֵשׁ בְּנֵי אָדָם בַּעֲלֵי עֲבֵרוֹת רַחֲמָנָא לִצְלַן, הֵשִׁיב בִּלְשׁוֹן גְּעָרָה קְצָת: **'אֵין אַתָּה יוֹדֵעַ כֹּחַ הַגָּדוֹל שֶׁל הַתּוֹרָה'** וְכוּ'. וְכַוָּנָתוֹ הָיְתָה שֶׁאֲפִילּוּ מִי שֶׁנִּלְכַּד בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם, וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁאִי אֶפְשָׁר לוֹ לָצֵאת מִשָּׁם, אִם אַף-עַל-פִּי-כֵן הָיָה קוֹבֵעַ לוֹ שִׁעוּרִים קְבוּעִים לְתוֹרָה בְּכָל יוֹם וָיוֹם, הָיָה כֹּחַ הַתּוֹרָה מִתְגַּבֵּר עַד שֶׁגַּם הוּא הָיָה נִתְתַּקֵּן וְיוֹצֵא מֵהֶם סוֹף כָּל סוֹף.

נִמְצָא, **שֶׁעִקַּר נִצָּחוֹן הַיֵּצֶר הָרָע עַל-יְדֵי הַתּוֹרָה**, אֲבָל הַבַּעַל דָּבָר מִתְגַּבֵּר עַל הָאָדָם עַל זֶה בְּעַצְמוֹ לְבַטְּלוֹ מֵהַתּוֹרָה, וַאֲפִילּוּ כְּשֶׁאָדָם עוֹסֵק לִפְעָמִים בַּתּוֹרָה הוּא מִתְגַּבֵּר לְהַפִּילוֹ מִזֶּה. וְעִקַּר הֲסָתָתוֹ לְדָחוֹתוֹ מֵהַתּוֹרָה חַס וְשָׁלוֹם, הוּא עַל-יְדֵי-זֶה בְּעַצְמוֹ מֵחֲמַת שֶׁרוֹאֶה שֶׁעוֹסֵק בַּתּוֹרָה וְאַף-עַל-פִּי-כֵן עֲדַיִן הָרַע שֶׁלּוֹ בְּתָקְפּוֹ, עַל-כֵּן מִתְנַכֵּל עָלָיו הַבַּעַל דָּבָר לַהֲסִיתוֹ לְדָחוֹתוֹ חַס וְשָׁלוֹם מֵהַתּוֹרָה לְגַמְרֵי. אֲבָל מִי שֶׁמִּסְתַּכֵּל עַל הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ וְיִזְכֹּר בֶּאֱמֶת יוֹם הַמִּיתָה שֶׁסּוֹף כָּל סוֹף יַעַבְרוּ יְמֵי חַיָּיו כְּצֵל עוֹבֵר וְיִצְטָרֵךְ לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן וְכוּ', בְּוַדַּאי לֹא יִסְתַּכֵּל עַל הֲסָתַת הַיֵּצֶר הָרָע וִיקַיֵּם דִּבְרֵי רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל **לַעֲסֹק בַּתּוֹרָה בְּכָל יוֹם חֹק וְלֹא יַעֲבֹר יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, כִּי סוֹף כָּל סוֹף הַמָּאוֹר שֶׁבָּהּ יַחֲזִירֵהוּ לְמוּטָב** (ועיי"ש עוד באריכות נפלאה).

דאס דארף זיין "בראש דיבורנו" [כד], בראש פון אונזער גאנצן עסק וואס מיר האבן; דאס וואס מיר זיצן יעדן טאג פארן אויבערשטן – דארף אונז באדערן. ס'דארף מיר באדערן: **וואס הערט זיך? ווי אזוי איז אריבער דער טאג מיטן לערנען היינט?** ווייל פונעם לערנען קומט מען אן צו אלע איבעריגע זאכן.

אבער דער עיקר וואס א מענטש דארף זיך משפט'ן איז: ווי אזוי איז אריבערגעגאנגען דער טאג מיטן לערנען. אויף יעדן ביסל הצלחה דארף מען דאנקען דעם אויבערשטן, און אויף יעדער זאך וואס האט נישט געטויגט דארף מען בעטן דעם אויבערשטן – זיך קלאגן פאר אים, זיך פארווייטיגן אויף דעם, און אמאל איז מען זוכה אפילו צו וויינען אויף דעם.

אבער מ'טאר נישט נאכגעבן; דאס איז דער עיקר נושא. ס'איז נישט אזוי ווי מען מיינט – אז ביי אונז, א פיינער בחור, איז "מער-וויניגער" געַנוג. ס'איז נישטא אזא זאך "מער-וויניגער"! ווער ס'מיינט אז מ'מעסט אים בערך – מ'מעסט קיינעם נישט בערך, מ'מעסט יעדן איינעם באמת!

אויף דעם זאגט דער רבי: "**בדורות הללו בעוונותינו הרבים נפל לימוד התורה מאד**". מ'טאר נישט קוקן אויף דעם ווי אזוי די דורות קוקן אויס; נישט דאס איז דער נושא. פארקערט: אלע צרות וואס זענען דא אין די היינטיגע דורות זענען צוליב דעם; אלעס וואס מ'מאכט אזוי פיל מיט, איז נאר צוליב דעם וואס די דורות זענען אזוי געפאלן.

איז וואס וויל דער רבי? דער רבי וויל אונז אריינברענגען אז מיר זאלן זיך שטארקן; מיר זאלן נישט זיין אזוי ווי דער דור, און זיך נישט מיטשלעפן מיט דעם געדאנק אז "אזוי ווי דער דור איז, אזוי מוזן מיר אויך בלייבן". נאר מ'זאל נעמען דעם רבינ'ס עצות זיך צו שטארקן, זיך אויפהויבן און ווערן אן אנדער מענטש.

---

**כד.** ראה על"ת מכתבי רביה"ק מכתב ב: בַּקָּשָׁתִי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי **שֶׁתִּלְמֹד בְּכָל יוֹם שִׁעוּר גְּמָרָא וּפוֹסֵק, שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מִטָּפֵל עִקָּר** רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְכוּ' כִּי זֶה כָּל הָאָדָם. ובמכתב ז: גַּם יִרְאֶה לְהוֹדִיעַ לִי מֵעֵסֶק לִמּוּדוֹ, וְכַמָּה דַּפִּין גְּמָרָא הוּא לוֹמֵד בְּכָל יוֹם **כִּי בְּאֵלֶּה חָפַצְתִּי שֶׁיַּתְמִיד בְּלִמּוּדוֹ, וְזֶה כָּל מְגַמּוֹתַי**, וְדַי לַמֵּבִין.

און באמת, מ'האט עס אלעמאל געזען, און מ'זעט עס עד היום הזה: **די וואס האבן זיך קונה געווען דעם הרגל פון לערנען, זענען אינגאנצן אנדערע מענטשן!** פשוט: א שעה מיינט נאך א שעה לערנען. נאך א שעה מיינט נאך א שעה לערנען! די צייט מיינט לערנען.

ווען א מענטש געוואוינט זיך צו אז צייט מיינט לערנען, ווערט ביי אים דער מושג פון "פארברענען צייט" סתם אזוי – אז צייט גייט אוועק פונקט ווי זי איז געקומען – ממש ווי א שריפה!

ווער ס'איז "פורש מן התורה" איז "פורש מן החיים"[כה]. די תורה איז דאס לעבן אליין! דאס לעבן איז געגעבן געווארן כדי צו לערנען, און דאס לעבן הייסט "מען לערנט". אז מ'לערנט – לעבט מען! אז מ'לערנט נישט – לעבט מען נישט. לעבט מען נישט.

דאס קען מען אבער נישט קונה זיין נאר מיט אסאך, אסאך בעטן דעם אויבערשטן! בעטן דעם אויבערשטן מ'זאל זוכה זיין צו באקומען אן אמת'ן לעבן, א לעבן פון תורה. מ'זאל באקומען א "זמן" פון א מסכתא; דער זמן זאל מיינען די מסכתא, **דער זמן זאל ליגן ביי מיר די מסכתא. יעדער איינער אויף זיין אופן און אין זיין דרגה, אבער איך זוך מיין חיות אין דער מסכתא.**

אפילו אויב מ'דארף זיך מצמצם זיין אויף א געוויסן אופן וואס פאסט זיך פאר אים – א גרעסערע מסכתא אדער א קלענערע מסכתא – אבער דאס דארף זיין מיין חיות! די מסכתא איז מיין חיות! אין דעם ליגט אלעס, און דאס איז דער עכטער קבלת התורה.

## ס'קומט צוגיין א גרויסע חתונה!

ס'גייט קומען א קבלת התורה! מ'דארף דאס וויסן – אזוי ווי מיר האבן גערעדט דאנערשטיג – "**ס'גייט קומען!**". פונקט ווי ס'קומט א חתונה, אזוי

---

**כה.** ראה קידושין סו:

גייט עס אנקומען; די תורה גייט אנקומען! דער רבונו של עולם גייט אונז געבן די תורה[כו]!

וויפיל מיר גייען זיך פרייען מיט דער תורה, אזוי גייט זיין אונזער הצלחה מיט איר[כז]. דער אויבערשטער גייט אונז טאקע געבן תורה – ער גייט פאר יעדן איינעם פון אונז געבן די תורה – און מיר דארפן זיך פרייען מיט איר; זיך פרייען אז אט קומט אן דער טאג וואס מ'געבט אונז די תורה!

---

**כו.** ראה ליקוטי הלכות פקדון ה, ו: כִּי עִקַּר קַבָּלַת הַתּוֹרָה בְּשָׁבוּעוֹת בְּכָל שָׁנָה וְשָׁנָה מֵחָדָשׁ הוּא בְּחִינָה הַנַּ"ל לִזְכּוֹת לְהַרְבּוֹת סְפָרִים קְדוֹשִׁים בַּתּוֹרָה לְהַשְׁלִים אֶת הַתּוֹרָה וכו', שֶׁזֶּה עִקַּר קַבָּלַת הַתּוֹרָה מֵחָדָשׁ בְּכָל יוֹם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, בְּכָל יוֹם יִהְיוּ בְּעֵינֶיךָ כַּחֲדָשִׁים. וּבִפְרָט בְּשָׁבוּעוֹת שֶׁאָז עִקַּר זְמַן קַבָּלַת הַתּוֹרָה מֵחָדָשׁ בְּכָל שָׁנָה וְשָׁנָה, כִּי הַתּוֹרָה כְּבָר קִבַּלְנוּ, אֲבָל כָּל אָדָם בְּכָל דּוֹר וָדוֹר צָרִיךְ לְקַבֵּל עַל עַצְמוֹ בְּחִינַת **קַבָּלַת הַתּוֹרָה בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ, דְּהַיְנוּ שֶׁיִּתְגַּבֵּר לְקַיֵּם אֶת הַתּוֹרָה שֶׁזֶּה הָעִקָּר**, הַיְנוּ שֶׁיִּתְגַּבֵּר עַד שֶׁיִּזְכֶּה לְהוֹצִיא מִשְׁפְּטֵי הַנְהָגוֹת יְשָׁרוֹת בְּכָל מָקוֹם שֶׁיִּלְמֹד שָׁם וְכוּ'.

ובהל' נזיקין ד, כ"ג: וְעִקַּר קַבָּלַת הַתּוֹרָה מֵחָדָשׁ בְּכָל שָׁנָה הוּא שֶׁנִּזְכֶּה לְקַבֵּל עַתָּה דַּרְכֵי הַתּוֹרָה כָּאֵלֶּה שֶׁעַל יְדֵי זֶה נִזְכֶּה לְקַיְּמָהּ בֶּאֱמֶת מֵעַתָּה, כִּי בֶּאֱמֶת כָּל דִּינֵי וְהִלְכוֹת הַתּוֹרָה כְּבָר קִבַּלְנוּ בִּימֵי מֹשֶׁה רַבֵּנוּ וְאָסוּר לְחַדֵּשׁ דָּבָר מֵעַתָּה וְעִקַּר קַבָּלַת הַתּוֹרָה מֵחָדָשׁ בְּכָל שָׁנָה הוּא לִזְכּוֹת **לְקַבֵּל וּלְהַמְשִׁיךְ שִׂכְלִיּוֹת אֲמִתִּיִּים וּתְמִימִים כָּאֵלֶּה שֶׁנִּזְכֶּה עַל יָדָם לְקַיֵּם אֶת הַתּוֹרָה בֶּאֱמֶת**. ובהל' הכשר כלים ד, כ"ו: כִּי זֶה יָדוּעַ וּכְבָר מְבֹאָר לְעֵיל מִזֶּה שֶׁעִקַּר קַבָּלַת הַתּוֹרָה בְּשָׁבוּעוֹת בְּכָל שָׁנָה וְשָׁנָה, אַף-עַל-פִּי שֶׁכְּבָר נִתְּנָה בְּסִינַי. הָעִקָּר לְקַבֵּל הִתְגַּלּוּת פְּנִימִיּוּת הַתּוֹרָה, וְהָעִקָּר שֶׁנִּזְכֶּה עַתָּה **שֶׁיִּמְשַׁךְ עָלֵינוּ הֶאָרַת פְּנֵי הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה בְּאֹפֶן שֶׁנִּזְכֶּה לְקַיְּמָהּ**, שֶׁיִּזְכֶּה כָּל אֶחָד לְהִתְעוֹרֵר וְלָקוּם מִשְּׁנָתוֹ לְפַקֵּחַ עַל עֲסָקָיו לַחֲשֹׁב עַל תַּכְלִיתוֹ בְּאֹפֶן שֶׁיִּזְכֶּה לָצֵאת מֵרַע לְטוֹב וּמִדַּרְגָּא לְדַרְגָּא וכו'.

**כז.** ראה על"ת מכתב קל"ז: וְהִנֵּה יְמֵי הַשָּׁבוּעוֹת הַקְּדוֹשִׁים מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאִין. בַּעַל הָרַחֲמִים יָחוּס עָלֵינוּ שֶׁנִּזְכֶּה לִגְמֹר יְמֵי הַסְּפִירָה בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה, שֶׁנִּזְכֶּה עַל כָּל פָּנִים מֵעַתָּה לְהָכִין עַצְמֵנוּ כָּרָאוּי לְקַבָּלַת הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה בֶּחָג הַקָּדוֹשׁ הַזֶּה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה. וְאִם אָמְנָם עֲדַיִן צְרִיכִין לְשַׁבֵּר הַלֵּב עַל זֶה הַרְבֵּה, וּלְבַקֵּשׁ וּלְהִתְחַנֵּן לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ עַל זֶה הַרְבֵּה, וְלִבְכּוֹת לְפָנָיו בִּדְמָעוֹת שָׁלִישׁ כְּבֵן הַבּוֹכֶה לִפְנֵי אָבִיו שֶׁיְּקָרְבֵנוּ גַּם כֵּן בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַכְּשֵׁרִים הַזּוֹכִים לְקַבָּלַת הַתּוֹרָה בְּשָׁבוּעוֹת, אַף עַל פִּי כֵן בְּיוֹתֵר צְרִיכִין לְחַזֵּק אֶת עַצְמֵנוּ בְּשִׂמְחָה בְּכָל יוֹם. כִּי **עִקַּר הַכְּלִי לְקַבָּלַת הַתּוֹרָה הוּא שִׂמְחָה וכו'** כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר בְּהַתּוֹרָה וַיֹּאמֶר בֹּעַז אֶל רוּת וכו', כִּי שָׁם מְדַבֵּר מֵהִתְנוֹצְצוּת אֱלֹקוּת וּבִטּוּל אֶל הָאֵין סוֹף עַד שֶׁהָרְשִׁימוּ מֵאִיר לְהַדַּעַת וּלְהַמְשִׁיךְ מִשָּׁם הַתּוֹרָה עַל יְדֵי **גֹּדֶל הַשִּׂמְחָה שֶׁנַּעֲשֵׂית כְּלִי לְקַבָּלַת הַתּוֹרָה, שֶׁכָּל זֶה הוּא סוֹד שָׁבוּעוֹת זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ**.

מיר האבן באקומען תורה! ווען מ'באקומט די תורה דארף מען וויסן: "מיר האבן באקומען תורה". פונקט ווי פארדעם דארף מען וויסן "**מ'גייט באקומען די תורה**", דארף מען וויסן נאכדעם "**מיר האבן שוין באקומען די תורה**".

די ארבעט ליגט טאקע ביי אונז: מ'דארף זיין פריילאך מיט דער תורה, און מתפלל זיין אז מ'זאל זוכה זיין צו לעבן מיט איר. אבער די תורה האט מען טאקע באקומען; ס'איז דא געשען א מציאות גמור.

אזוי ווי מיר האבן שוין דערמאנט עטליכע מאל: אזוי ווי איינער האט חתונה, איז דאך געשען א מציאות. ס'איז נישטא אזא זאך אז איינער שטייט אויף אינדערפרי נאך זיין חתונה און ער גייט צוריק אהיים צו זיין טאטן אין שטוב, זאגנדיג: 'איך ווייס נישט, איך שפיר נישט היינט אז איך האב חתונה געהאט...' – נישטא אזעלכע ווערטער! האסט חתונה געהאט, דא איז דיין שטוב, האסט באקומען א בן זוג – און דאס איז עס; ס'האט זיך אנגעהויבן א נייע לעבן!

אזוי דארף מען וויסן: מ'באקומט די תורה, מיר האבן שוין באקומען די תורה. יעצט דארף מען ארבעטן; ארבעטן זיך צו פרייען מיט דער תורה, מתפלל זיין אויף דעם און זיך שטארקן אין איר. אבער דאס איז א זאך וואס איז א מציאות!

מ'דארף זיך אסאך אנגרייטן אויף קבלת התורה – זיך אנגרייטן אויף יום-טוב, בעטן דעם אויבערשטן אז מ'זאל זוכה זיין אויפצונעמען דעם יום-טוב ווי ס'דארף צו זיין; ס'זאל זיין באמת א קבלת התורה, מ'זאל זיך באמת פרייען מיט דער תורה. מ'דארף זיך פירן דעם יום-טוב אן קיין היסח הדעת, פונקט ווי א חתן איז נישט מסיח דעת פון זיין חתונה ביום חופתו; ער דרייט זיך נישט ארום אינדרויסן פארברענגען מיט חברים מיט א ציגאר... אזא טאג איז דיין טאג!

ס'קומט אזא טאג... דער טאג איז מיין טאג! ס'איז א גרויסע הילולא, א גרויסע שמחה. דארף מען לעבן מיט דעם טאג, מיטהאלטן די קדושת היום און אלע ענינים פונעם טאג מיט אן ערנסטקייט; מ'דארף עס דערלעבן!

כדי דו זאלסט עס קענען לעבן, דארפסטו זיך אנגרייטן – אסאך אנגרייטן, אסאך בעטן דעם אויבערשטן, און אסאך זיך צוהערן און לערנען ארום דעם ענין. **און דער עיקר איז: בעטן דעם אויבערשטן און האבן שטארקע רצונות** אז מ'זאל זוכה זיין צוקומען צו דעם טאג ווי ס'דארף צו זיין[כח].

## ז'מן מ'תן ת'ורתנו

דער אויבערשטער זאל העלפן מ'זאל זוכה זיין צו א אמת'ע קבלת התורה, מ'זאל זוכה זיין צו אנהויבן ביי אונז א נייער לעבן פון די תורה. א נייער לעבן! און גלייך נאך שבועות ממשיך זיין דעם שבועות.

מ'האט שוין גערעדט פון דעם און מ'וועט נאך אסאך רעדן פון דעם בעז"ה - אז פון שבועות און ווייטער, פון שבועות ביז שבעה עשר בתמוז, ס'איז ארבעים יום וואס ס'איז נאך א גרויסע המשכה פון קבלת התורה.

ס'ווערט אנגערופן - דער רבי רופט עס אין עפעס א פלאץ – "ארבעים יום פון יצירת הוולד". די תורה איז אזוי ווי ס'ווערט געבוירן א קינד; ס'זענען דא ארבעים יום פון יצירת הוולד, פערציג טעג געדויערט די יצירת הוולד. אזוי אויך די השפעה וואס מיר באקומען, ס'געדויערט פערציג טעג ביז ס'ווערט א פארטיגע זאך – פון שבועות ביז שבעה עשר בתמוז.

שבועות הויבט זיך אן א פינטעלע, אבער פון דעם פינטעלע הויבט אן ווערן נוצר א גאנצע זאך, וואס דער שלימות פון דעם ווערט י"ז בתמוז. ס'ווערט א גאנצן קשר, א גאנצע מציאות, א גאנצע קומה; א גאנצער וולד ווערט דא, א גאנצע מציאות, א קומה שלמה ווערט.

דאס דארף מען מיטהאלטן די גאנצע צייט, מ'דארף ווייטער בעטן דעם אויבערשטן די גאנצע פערציג טעג, בעטן דעם אויבערשטן אז מיר זאלן זוכה

---

**כח.** ראה בהרחבה ב"רוחא דחיי" קונטרס ב'.

זיין צו מקבל זיין די תורה, זוכה זיין צו אריינגיין מער אין די תורה און מער אין די תורה און מער אין די תורה, און זיך גרייטן אויף י"ז בתמוז "זמן מתן תורתנו".

דער רבי זאגט[כט]: תמוז איז "**זְ'מַן מַ'תַּן תּ'וֹרָתֵינוּ**", "**זִ'כְרוּ תּ'וֹרַת מ'שֶׁה**" - אז די תורה דארף ווערן איינגעקריצט אין דעם מענטש, ער זאל עס נישט פארגעסן. דאס איז דער גמר פון קבלת התורה.

דאס הייסט: מ'באקומט די תורה, אבער אז די תורה זאל ווערן קבוע אין דעם מענטשן – דאס איז א ארבעט פון פערציג טעג. די גאנצע פערציג טעג, ביז דער מענטש איז זוכה קונה צו זיין בקנין מלא – אז די תורה זאל ווערן ביי אים א קנין מלא און ער זאל עס האבן מיט זיך אויף שטענדיג – ס'איז א עבודה, א לאנגע עבודה, פאר שבועות, נאך שבועות, און ווייטער.

דער אויבערשטער זאל העלפן ס'זאל זיין "**בורא עולם בקנין, השלם זה הבנין**"; ס'זאל זיין א קשר של קיימא, א אמת'ער קנין, א אמת'ע בנין – ס'זאל זיין א גאנצע זאך. אז יעדער איינער פון אונז זאל זוכה זיין, אזוי ווי ביי די אידן ביים ערשטן קבלת התורה – אז דאס 'פארדעם' מיט דעם 'נאכדעם' זאלן זיין אינגאנצן צוויי אנדערע זאכן.

פארוואס עסט מען מילכיג'ס שבועות? איינע פון די טעמים[ל] איז, אז ווען די אידן זענען אהיימגעקומען אין שטוב און מ'האט באקומען די תורה, האבן זיי פלוצלונג געזען אז מ'קען גארנישט עסן פון דעם וואס ס'איז דא אין

---

**כט.** ליקוטי מוהר"ן תורה רי"ז. וראה בעל"ת מכתב שנ"ד.

**ל.** ראה משנה ברורה או"ח סימן תצ"ד ס"ק י"ב: ואני שמעתי עוד בשם גדול אחד שאמר טעם נכון לזה כי בעת שעמדו על הר סיני וקבלו התורה [כי בעשרת הדברות נתגלה להם עי"ז כל חלקי התורה כמו שכתב רב סעדיה גאון שבעשרת הדברות כלולה כל התורה] וירדו מן ההר לביתם לא מצאו מה לאכול תיכף כ"א מאכלי חלב, כי לבשר צריך הכנה רבה לשחוט בסכין בדוק כאשר צוה ה' ולנקר חוטי החלב והדם ולהדיח ולמלוח ולבשל בכלים חדשים, כי הכלים שהיו להם מקודם שבישלו בהם באותו מעל"ע נאסרו להם, על כן בחרו להם לפי שעה מאכלי חלב ואנו עושין זכר לזה.

שטוב. מ'האט באקומען די הלכות פון שחיטה מיט מליחה מיט פילע אנדערע הלכות; מ'קען מער נישט עסן וואס מען וויל. מ'האט נאר געקענט עסן מילכיג'ס, ווייל מילכיג'ס האט נישט די אלע הלכות פון הכנה. דאס הייסט, אז אין איין מאל, ווען מ'האט אונז געגעבן די תורה, איז פלוצלונג געווארן א נייער מציאות – א נייער מציאות!

אזוי זאל דער אויבערשטער העלפן מ'זאל זוכה זיין ביי אונז – יעדער איינער פון אונז – אז ווען ס'קומט שבועות, ס'ווערט א נייע מציאות. וואס איז געווען ביז איצטער, איז גארנישט קעגן דעם וואס ס'הויבט זיך אן יעצט – א נייע זאך אינגאנצן! **מ'זאל זוכה זיין מקבל צו זיין די תורה בשמחה, און ווערן נייע מענטשן!**

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
להצלחת
משה דוד בן ליבא רבקה
וחנה בת ליבא רבקה
ובזכות מצוות זיכוי הרבים
יזכו לברכה והצלחה בכל העניינים

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
ע"י ר' נחמן איזק שליט"א
לרגל הולדת בנו למז"ט
ובזכות מצוות זיכוי הרבים
יזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכיוצ"ח

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
ע"י ר' משה אריה רוזנטל שליט"א
לרגל הולדת בתו למז"ט
ובזכות מצוות זיכוי הרבים
יזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכיוצ"ח

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
ע"י ר' אברהם אלחנן ווייסשטיין
שליט"א
לרגל הולדת בנו למז"ט
ובזכות מצוות זיכוי הרבים
יזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכיוצ"ח

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
לע"נ ר' שלמה בן ר' אברהם
ישעיהו
היארצי"ט חל א' אייר
המנוח לא השאיר זש"ק נא
ללמוד לזכותו
נתרם ע"י המשפחה
ת.נ.צ.ב.ה

להשתתפות בהוצאת
הקונטרס ולקיחת חלק בזיכוי
הרבים בעת שמחתכם או
לזכר יקיריכם נא לפנות לטל'

**0534159773**

בסייעתא דשמיא

# עִקַּר הָרוּחַ חַיִּים מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק

עשרות קוראים מקבלים חיות חדשה בעבודת ה' בדרכו של רביה"ק, בקונטרסי "רוחא דחיי" היוצאים לאור מדי שבועים, משיעורי הרה"ח ר' חיים בנימין וורטהיימר ז"ל




חסיד ברסלב!

# קח שותפות קבועה בעסק קדוש זה!

ויהיה לך חלק בזיכוי הרבים הגדול בהארת דעתו של רביה"ק בעולם

**לתרומות:** נדרים פלוס/ נדרים פון מספר קרן 6491 או בקו רוחא דחיי 023024743 שלוחה 9>1